ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת ויצא

### ויצא (א)

היינטיגע סדרה הויבט זיך אן: ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה. יעקב איז אוועק פון יצחק'ן וואו ער איז געזעסן און געלערנט תורה - איש תם יושב אוהלים, צו גיין אין חרן וואו ער דארף זיך פארנעמען מיט ענינים פון וועלט.

דארף מען קוקען ווי יעקב האט זיך געפירט, צו וויסן ווי אזוי מען דארף זיך פירן ווען מען האט צוטאן מיט עולם הזה.

די ערשטע זאך וואס יעקב האט געטאן איז "ויפגע במקום" - ער האט זיך געשטעלט דאווענען.

דארף מען פארשטיין:

לכאורה, יעצט אז יעקב גייט ארויס אין וועלט, דארף ער דאך זיך אויסלערנען די שפראך און די מנהגים פון דער מדינה.

יעקב האט אבער דאס ניט געטאן. ער האט זיך געשטעלט דאווענען. ביז יעצט איז ער געווען אין באר שבע. די נסיונות זיינען ניט געווען אזוי גרויס. ער האט זיך עוסק געווען אין תורה און עבודה. אבער יעצט אז ער גייט אין חרן און די נסיונות ווערן גרעסער, האט ער מורא אז ער וועט ניט ביישטיין די נסיונות. שטעלט ער זיך דאווענען צום אויבערשטן אז ער זאל עם העלפן עומד בנסיון זיין.

נאך א זאך האט יעקב געטאן:

ער האט ארומגערינגעלט זיין קאפ מיט שטיינער צו באשיצן זיך פון חיות רעות.

דארף מען פארשטיין:

פארוואס האט יעקב ארומגערינגעלט נאר זיין קאפ, און ניט די אנדערע אברים פון דעם גוף?

וועט מען עס פארשטיין לויט דעם פסוק "יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך". נאר "כפיך" די הענט דארפן זיין פארנומען מיט ענינים פון וועלט, אבער די קאפ דארף ליגן אין תורה און עבודה.

דערפאר האט יעקב ארומגערינגעלט נאר זיין קאפ. גייענדיק אין חרן, דארף ער דאך זיך פארנעמען מיט וועלטישע זאכן. האט ער גלייך באווארענט אז זיין קאפ זאל ניט ליגן אין דעם, נאר די הענט. ווען די קאפ איז ווי עס דארף צו זיין, פירן זיך אויך די הענט ווי די תורה

הייסט.

(לקו"ש ח"א ע' 60)

## ויצא (ב)

אין אונזער פרשה שטייט אז יעקב איז געווען א שומר אויף לבן'ס שאף. דער רמב"ם (פ"ב מהל' שאלה ופקדון) פסקנ'ט: איינער וואס האט געבארגט א זאך, און צוזאמען דערמיט האט ער אויך געבארגט די בעלים (דאס הייסט אז דער בעל הבית ארבעט פאר עם), איז אפילו אויב מען האט ביי עם געגנב'ט די זאך אדער ער האט עס פארלארן *בפשיעה* (צוליב זיין שולד) איז ער פטור, ווי עס שטייט "אם בעליו עמו לא ישלם" (משפטים כב, יד) (אויב די בעלים זיינען מיט עם דארף ער ניט באצאלן).

די אפלערנונג אין עבודת השם:

יעדער איד איז א "שואל" פון הקב"ה. אלע זיינע זאכן וואס ער האט זיינען דעם אויבערשטנ'ס (לה' הארץ ומלואה). דערפון איז פארשטאנדיק ווי גרויס עס איז די אחריות אז מען דארף זיך אויפפירן ווי מען דארף, און זיין אפגעהיט פון טאן ניט גוטע זאכן (באונס אדער בשוגג און אודאי געוויס בפשיעה) וויבאלד אז א שואל איז חייב אויף אלץ.

ווען איז ער חייב אויף אלץ? ווען דער בעל הבית איז ניט מיט עם. אבער אויב דער בעה"ב איז מיט עם, איז ער פטור.

אין עבודת השם איז דאס: ווי מען שטייט אויף פון שלאף זאגט מען "מודה אני לפניך.." און מען איז ממשיך: "אלקי נשמה שנתת בי טהורה היא.. *ואתה משמרה בקרבי*". במילא ווערט שוין פון אנהויב טאג, די נשמה געגעבן צוזאמען מיט די בעלים (אויבערשטן). דער אויבערשטער ארבעט כביכול פאר דעם מענטשן און היט די נשמה.

איז במילא פארשטאנדיק, אז אויב ער פארנעמט זיך מיט זיינע גשמיות'דיגע ענינים ח"ו און *דערנאך* ערשט בארגט ער די בעלים (אויבערשטער) איז ער ניט פטור. ווען איז ער פטור? נאר ווען ער בארגט די זאך (נשמה) *צוזאמען* מיט די בעלים (אויבערשטער).

דערפאר, איז גלייך אין אנהויבס טאג דארף ער מיטנעמען מיט זיך די "בעלים" (אויבערשטער) זאגנדיק "מודה אני לפניך". ער איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים פארן גאנצן טאג און דעמאלסט איז "ואתה משמרה בקרבי", במשך פון דעם גאנצן טאג.

ובמילא, אויב עס איז אפילו פאראן אן ענין בלתי רצוי ח"ו, דארף ער זיכער תשובה טאן. אבער ער באקומט ניט קיין עונש אויף דעם וויבאלד עס איז "עם בעליו", מיט דעם אויבערשטן.

לויט דעם איז פארשטאנדיק אז עס איז ניט שייך אן עונש. נאר פארקערט, דער אויבערשטער גיט עם קינדער, געזונט און פרנסה בהרחבה. דער אויבערשטער איז מבטל יעדער ענין פון צער, על אחת כמה וכמה די גרעסטע צער, ענין הגלות. מען ווערט פטור פון גלות, "דאלאי גלות" (דער גלות ווערט בטל), ותיכף ומיד זוכים לגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

(משיחת ש"פ ויצא תשמ"ח)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"